# The Ruth Poems

Itzik Manger (1901-1969)

“This fragment of the long poem “Ruth” I dedicate to my sister Sheyndl and her companion, the weaver Volke Glozman. Two-thirds of the poem, together with other manuscripts, were lost in my wayfaring and wandering.”



## I.

## Nomi Zogt “Got fun Avrum”

## נעמי זאָגט „גאָט פון אברם“

Di alte Nomi in mitn shtub
Sheptshet[1] "Got fun Avrum,"
Di blonde shnurn nebn ir
Hern forkhtik[2] un frum.

“Got fun Avrum, groyser Got,
Der heyliker *shabbes* fargeyt
Un vi der *shabbes* in fremdn dorf
Azoy iz avek mayn freyd.”

Zi geyt pameylekh[3] tzum fentzter tzu:
In droysn tunklt di mil.
Zi otemt[4] mit di fligl[5] koym[6],
Der ovnt-vint iz kil.

די אַלטע נעמי אין מיטן שטוב
שעפּטשעט „גאָט פון אברם“,
די בלאָנדע שנורן נעבן איר
הערן פאָרכטיק און פרום.

„גאָט פון אברהם, גרויסער גאָט,
דער הייליקער שבת פאַרגייט
און ווי דער שבת אין פרעמדן דאָרף
אַזוי איז אַוועק מיין פרייד.“

זי גייט פּאַמעלעך צום פענצטער צו:
אין דרויסן טונקלט די מיל.
זי אָטעמט מיט די פליגל קוים,
דער אָוונטווינט איז קיל.

---

1. *sheptshen* – to whisper
2. *forkhtik* – with dread, fearfully
3. *pameylekh* – slowly
4. *otemen* – to breathe
5. *fligl* – wing(s)
6. *koym* – barely

Di mil hot Elimeylekh gekoyft
Un di mil hot gemoln broyt,
Itzt iz der man af der *emeser* velt
Un beyde zin zenen toyt.

די מיל האָט אלימלך געקויפט
און די מיל האָט געמאָלן ברויט,
איצט איז דער מאַן אויף דער אמתער וועלט
אוןביידע זין זענען טויט.

Itzt iz zi a viste[1] *almoneh* in dorf,
Mit beyde shnurn aleyn—
Orpeh iz gut vi razeve broyt[2]
Un Rus iz frum un sheyn.

איצט איז זי אַ וויסטע אלמנה אין דאָרף,
מיט ביידע שנורן אַליין —
ערפּה איז גוט ווי ראַזעווע ברויט
און רות איז פרום און שיין.

Nomi dermont zikh: a mol, a mol,
Zi hot di *shikslekh* nisht gevolt,
Nor s'iz *mistame* geven bashert—
Itzt hot zi beyde hold[3].

נעמי דערמאָנט זיך: אַ מאָל אַ מאָל,
זי האָט די שיקסלעך נישט געוואָלט,
נאָר ס'איז מסתּמא געווען באַשערט —
איצט האָט זי ביידע האָלד.

Zey hobn di zin ire lib gehat,
Ge'arbet mit zey in feld.
Un shver un shviger "dos oyg in kop"
Un *koved* fun der velt.

זיי האָבן די זין אירע ליב געהאַט,
געאַרבעט מיט זיי אין פעלד.
און שווער און שוויגער „דאָס אויג אין קאָפּ‟
און כּבוד פון דער וועלט.

Itzt zenen zey nebekh *almones* tzvey
Un zi — an *almoneh* aleyn.
Far zey hot di erd nokh *mistame*[4] freyd,
Nor zi, an elnter[5] shteyn,

איצט זענען זיי נעבעך אלמנות צוויי
און זי — אַן אלמנה אַליין.
פאַר זיי האָט די ערד נאָך מסתּמא פרייד,
נאָר זי, אַן עלנטער שטיין,

Vet zikh shlepn un shlepn tzu fus,
Biz zi vet kumen keyn *Knan*,
Un dortn vet der *Malekh-Hamaves*
Vern ir tzveyter man.

וועט זיך שלעפּן און שלעפּן צו פוס,
ביז זי וועט קומען קיין כּנען
און דאָרטן וועט דער מלאך-המוות
ווערן איר צווייטער מאַן.

Nomi sheptshet, un nebn ir
Horkhn di shnurn frum—
In droysn shmekt mit hey un vint,
In shtub mit "Got fun Avrum."

נעמי שעפּטשעט, און נעבן איר
האָרכן די שנורן פרום —
אין דרויסן שמעקט מיט היי און ווינט,
אין שטוב מיט „גאָט פון אברם‟.

1. *vist* – desolate
2. *razeve broyt* – whole wheat or rye bread
3. *hold* – fondness
4. *mistame* – probably
5. *elnt* – lonely

## II.

## Nomi Redt tzu Ire Shnurn

## נעמי רעדט צו אירע שנורן

Orpeh gist on[1] funem samovar
Dray glezer mit heysn tey
Dos ershte gloz der shviger-leb,
Ir kop iz vays vi shney.

In droysn di shpete zumernakht,
A *shikse* in shternhemd[2],
*Kisheft* un zingt un ruft tzurik
Di libe fun der fremd.

Un vos zi zingt, *khazert* iber der taykh,
*Khazert* iber der vint in feld,
*Khazert* iber der veg, *khazert* iber der vald,
*Khazert* iber di gantze velt.

Nor tzu di dray *almones* in shtub
Dergeyt[3] nisht dos zise lid.
Rus iz troyerik, Orpeh fartrakht
Un Nomi iz alt un mid.

Heybt Nomi oyf dem kop un zogt:
"Hert, tekhter mayne, hert,
Vos iz an alt tzebrokhn mentsh,
Umshteyns gezogt[4], di vert.[5]

Iz vil ikh morgn gantz kayor[6]
Geyn in mayn land tzurik,
Zol dortn *khotsh* mayn *keyver* zayn
Vu s'iz geven mayn vig.

ערפּה גיסט אָן פונעם סאַמאָוואַר
דריי גלעזער מיט הייסן טיי,
דאָס ערשטע גלאָז דער שוויגער–לעב,
איר קאָפּ איז ווייס ווי שניי.

אין דרויסן די שפּעטע זומערנאַכט,
אַ שיקסע אין שטערנהעמד,
כישופט און זינגט און רופט צוריק
די ליבע פון דער פרעמד.

און וואָס זי זינגט, חזרט איבער דער טייך,
חזרט עיבער דער ווינט אין פעלד,
חזרט איבער דער וועג, חזרט איבער דער וואַלד,
חזרט איבער די גאַנצע וועלט.

נאָר צו די דריי אלמנות אין שטוב
דערגייט נישט דאָס זיסע ליד.
רות איז רויעריק, ערפּה פאַרטראַכט
און נעמי איז אַלט און מיד.

הייבט נעמי אויף דעם כאָפּ און זאָגט:
„הערט, טעכטער מיינע, הערט,
וואָס איז אַן אַלטט תעבראָכן מענטטש,
אומשטיינס געזאָגט, די ווערט.

איז וויל איך מאָרגן גאַנץ קאַיאָר
גיין אין מיין לאַנד צוריק,
זאָל דאָרטן כאָטש מיין קבר זיין
ווּ ס'איז געווען מיין וויג.

---

1. *ongisn* – pour
2. *hemd* – shirt, *chemise*
3. *dergeyn* – turn (toward)
4. *umshteyns gezogt* – [a formula for shifting a negative thought from a person to a stone]
5. *vert* – worth
6. *kayor* – dawn

Un ir, ir kert zikh um aheym,
Ayede mit ir veg
Un zol mayn *brokheh* zayn mit aykh
Bizn *sof* fun ayere teg.”

און איר, איר קערט זיך אום אהיים,
אַ יעדע מיט איר וועג
און זאָל מיין ברכה זיין מיט אייך
ביזן סוף פון אייערע טעג.״

Nomi shvaygt. Der naftlomp brent
Un se *zshumet*[1] der samovar.
Un iber di dray *almoneh*-kep
Tzitert di kroyn fun *tzar*...

נעמי שווייג. דער נאַפטלאָמפּ ברענט
און סע זשומעט דער סאַמאָוואַר.
און איבער די דריי אלמנה–קעפּ
ציטערט די קרוין פון צער...




## III.

## Nomi Ken Nisht Shlofn

## נעמי קען נישט שלאָפן

Di alte Nomi ligt in bet
Un ken nisht antshlofn vern,
In fentzter tzitert gut un gold
Dray groyse frume shtern.

די אַלטע נעמי ליגט אין בעט
און קען נישט אַנטשלאָפן ווערן,
אין פענצטער ציטערן גוט און גאָלד
דריי גרויסע פרומע שטערן.

Di eygene shtern vos in der heym,
Far vos-*zhe* zenen zey fremd?
Un Nomi filt dos alte hartz
Klemt[2] un klemt un klemt.

די אייגענע שטערן וואָס אין דער היים,
פאַר וואָס זשע זענען זיי פרעמד?
און נעמי פילט דאָס אַלטע האַרץ
קלעמט און קלעמט און קלעמט.

---

1. *zshumen* – to buzz, hum
2. *klemen* – to regret

Unter di fremde shtern hi[1]
Lozt zi *kvorim* tzurik,
Iber di *kvorim* veynt un klogt[2]
Ir eygn *khorev*[3] glik.

אונטער די פרעמדע שטערן הי
לאָזט זי קברים צוריק,
איבער די קברים וויינט און קלאָגט
איר אייגן חרוב גליק.

Morgn kayar, mitn Eybershtns hilf,
Geyt zi af *tamid* avek.
*Take? B'emes?* Un mit a mol
Bafal zi a modner shrek.

מאָרגן קאַיאַר, מיטן אייבערשטנס הילף,
גייט זי אויף תמיד אַוועק.
טאַקע? באמת? און מיט אַ מאָל
באַפאַל זי אַ מאָדנער שרעק.

Di *kvorim* monen un rufn zi:
“Nomi... Mame... neyn!
Blayb do mit undz, blayb nebn undz,
Du torst, du vest nisht geyn.

די קברים מאָנען און רופן זי:
„נעמי... מאַמע... ניין!
בלייב דאָ מיט אונדז, בלייב נעבן אונדז,
דו טאָרסט, דו וועסט נישט גיין.

Nisht dortn vu s'shteyt dayn vig,
Nisht dortn iz dayn heym,
Nor do vu du host undz farshart[4]
Mit faykhter[5] erd un leym[6].”

נישט דאָרטן וווּ ס'שטייט דיין וויג,
נישט דאָרטן איז דיין היים,
נאָר דאָ וווּ דו האָסט אונדז פאַרשאַרט
מיט פייכטער ערד און ליים.״

Nomi fibert: “Gerekhter Got
Antplek[7] far mir dem veg,
Tzi zol ikh geyn, tzi blaybn do
Bizn *sof* fun mayne teg?”

נעמי פיבערט: „גערעכטער גאָט,
אַנטפּלעק פאַר מיר דעם וועג,
צי זאָל איך גיין, צי בלייבן דאָ
ביזן סוף פון מיינע טעג?״

Un Nomi hert vi s'roysht der vint
In no'entn eplsod
Un mit a mol un on a *kol*
Antplekt zikh Gots genod.[8]

און נעמי הערט ווי ס'רוישט דער ווינט
אין נאָענטן עפּלסאָד
און מיט א מאָל און אָן אַ קול
אַנטפּלעקט זיך גאָטס גענאָד.

“Di toyte zenen shotns bloyz
Vos tuen *rak* nor vey,
Un Got iz likht, iz eybik likht,
Shtey uf far tog un gey!

„די טויטע זענען שאָטנס בלויז
וואָס טוען רק נאָר וויי,
און גאָט איז ליכט, איז אייביק ליכט,
שטיי אויף פאַר טאָג און גיי!

---

1. *hi* – here, in this town
2. *klogn* – to wail, lament
3. *chorev* – wreck, waste, destruction, desolation
4. *farsharn* – to cover with earth
5. *faykht* – moist
6. *leym* – clay
7. *antplekn* – to reveal, disclose
8. *gnod* – mercy, grace

| | |
|---|---|
| Nisht bay di *kvorim* vakht dayn Got | נישט ביי די קברים וואַכט דיין גאָט |
| Nor dortn bay dayn vig, | נאָר דאָרטן ביי דיין וויג, |
| Shtey uf, mayn kind, ven s'togt der tog, | שטיי אויף, מיין קינד, ווען ס'טאָגט דער טאָג, |
| Un gey aheym tzurik!" | און גיי אַהיים צוריק!" |
| | |
| Nomi shmeykhlt. In droysn roysht | נעמי שמייכלט. אין דרויסן רוישט |
| Der vint in eplsod. | דער ווינט אין עפלסאָד. |
| Zi vert antshlofn un iber ir | זי ווערט אַנטשלאָפן און איבער איר |
| Tzitert Gots genod. | ציטערט גאָטס גענאָד. |

## IV.

## Orpeh Ken Nisht Shlofn

## ערפה קען נישט שלאָפן

| | |
|---|---|
| Orpeh zitzt in ir *kheyder* bay nakht | ערפה זיצט אין איר חדר ביי נאַכט |
| Un leyent nokh a mol dem briv. | און לייענט נאָך אַ מאָל דעם בריוו. |
| Der Tate, der alter poyer[1], shraybt, | דער טאַטע, דער אַלטער פויער, שרייבט, |
| Zi leyent un otemt tif. | זי לייענט און אָטעמט טיף. |
| | |
| "Orposya, tekhterl, kum aheym, | „ערפאָסיאַ, טעכטערל, קום אהיים, |
| Di Mame iz alt un krank. | די מאַמע איז אַלט און קראַנק. |
| Krasa di ku hot zikh gekalbt | קראַסאַ די קו האָט זיך געקאַלבט |
| Un altz iz Got-zay-dank. | און אַלץ איז גאָט–זיי–דאַנק. |
| | |
| Stashek der milner[2] hot zayn vayb | סטאַשעק דער מילנער האָט זיין וויב |
| Mit der hak[3] bay nakht getoyt, | מיט דער האַק ביי נאַכט געטויט, |
| Itzt zitzt er in "*Koze*"[4]. Geloybt tzu Got | איצט זיצט ער אין „קאָזע". געלויבט צו גאָט, |
| Mir shlepn dos shtikl broyt. | מיר שלעפן דאָס שטיקל ברויט... |
| | |
| Anyusya dem kovals[5] iz fun shtot | אַניוסיאַ דעם קאָוואַלס איז פון שטאָט |
| Gekumen aheym mit a boykh[6], | געקומען אַהיים מיט אַ בויך, |
| Di mame veynt un der koval trinkt | די מאַמע וויינט און דער קאָוואַל טרינקט |
| Un shlogt az s'geyt a roykh. | און שלאָגט אַז ס'גייט אַ רויך. |

---

1. *poyer* – peasant
2. *milner* – miller
3. *hak* – axe, hatchet
4. Pol. *koszy?* Basket or [trash] bin. Slang for jail? (The slammer?)
5. *koval* – blacksmith
6. *boykh* – belly

Bay Itzka dem Zshid, dem shenker[1] fun dorf
Hot men ale shoybn[2] tzeklapt[3]
Un Itzka aleyn mit zayn hoyzgezind[4]
Hobn vazshne[5] arayngekhapt[6].

בײַ איצקאַ דעם זשיד, דעם שענקער פון דאָרף,
האָט מען אַלע שויבן צעקלאַפּט
און איצקאַ אַליין מיט זיין הויזגעזינד
האָבן וואַזשנע אַריינגעכאַפּט.

Yo, Antek der shrayber fun gerikht[7]
Hot mikh anumelt[8] opgeshtelt[9]:
—Gehert az Orposyas man iz toyt
Un zi hot farshpilt ir velt.[10]

יאָ, אַנטעק דער שרײַבער פון געריכט
האָט מיך אַנומעלט אָפּגעשטעלט:
— געהערט אַז ערפּאָסיאַס מאַן איז טויט
און זי האָט פאַרשפּילט איר וועלט.

To zol zi kumen aheym,
Shrayb ir, az ikh bin greyt
*Khotsh*[11] zi hot gelebt mit a Zshid,
Zi tzu nemen vi zi shteyt.”

טאָ זאָל זי קומען אַהיים,
שרײַב איר, אַז איך בין גרייט,
כאָטש זי האָט געלעבט מיט אַ זשיד,
זי צו נעמען ווי זי שטייט.“

Orpeh leygt avek dem briv.
Antek ruft zi tzurik,
*Efsher take, efsher* bay im
Iz ir bashert ir glik?

ערפּה לייגט אוועק דעם בריוו.
אַנטעק רופט זי צוריק,
אפשר טאַקע, אפשר בײַ אים
איז איר באַשערט איר גליק?

Zi geyt tzum fenster tzu,
Ir hartz iz modne shver,
Der *beys-oylem* shloft in *levoneh-shayn*
Un zi veynt a letzte trer...

זי גייט פּאַמעלעך צום פענסטער צו,
איר האַרץ איז מאָדנע שווער,
דער בית–עולם שלאָפט אין לבנה–שיין
און זי וויינט אַ לעצטע טרער...

---

1. tavernkeeper
2. windowpanes
3. tzeklapn – to break, shatter
4. hoyzgezind – household
5. impressive
6. araynkhapn – to snatch up, catch
7. gerikht – court, judiciary
8. the other day; recently
9. opshteln – to stop
10. farshpiln – to forfeit, lose (in a game)
11. although

## V.

# Rus Ken Nisht Antshlofn Vern

# רות קען נישט אַנטשלאָפן ווערן

Rus shteyt farn shpigl shlank[1]
Un tzekemt ire blonde hor.
Di reyd vos di shviger hot geredt
Zenen biz tzum veytik[2] klor.

רות שטייט פאַרן שפיגל שלאַנק
און צעקעמט אירע בלאָנדע האָר
די רייד וואָס די שוויגער האָט גערעדט
זענען ביז צום ווייטיק קלאָר.

Morgn, dos heyst in etlekhe *shoh,*
Vet di alte shviger aleyn
Geyn tzu ir folk un tzu ir Got
Un zi, vu vet zi geyn?

מאָרגן, דאָס הייסט אין עטלעכע שעה,
וועט די אַלטע שוויגער אַליין
גיין צו איר פאָלק און צו איר גאָט
און זי, ווו וועט זי גיין?

Aheym in dorf vu der tate trinkt
Un di beyze shtifmame shelt[3],
Di gele Marusya, zi hot ir genug
Far'umert[4], farfintztert di velt.

אַהיים אין דאָרף ווו דער טאַטע טרינקט
און די בייזע שטיפמאַמע שעלט,
די געלע מאַרוסיאַ, זי האָט איר גענוג
פאַראומערט, פאַרפינצטערט די וועלט.

Aheym in dorf vu der *poretz*[5] shlogt
Di knekht mit an ayzerner rut[6],
Zi gedenkt vi haynt dem bruders *guf*
Fargosn[7] mit shveys un blut.

אַהיים אין דאָרף ווו דער פריץ שלאָגט
די קנעכט מיט אַן אייזערנער רוט,
זי געדענקט ווי הײַנט דעם ברודערס גוף
פארגאָסן מיט שווייס און בלוט.

Aheym in dorf vu der duler[8] Vasil
Dertzeylt far yedn in mark,
Vi azoy Pan Yezus hot im gebentsht
Afn shpitz funem kloysterbarg.

אַהיים אין דאָרף ווו דער דולער וואַסיל
דערציילט פאַר יעדן אין מאַרק,
ווי אַזוי פאַן יעזוס האָט אים געבענטשט
אויפן שפיץ פונעם קלויסטערבאַרג.

Zi tzitert. In droysn roysht der taykh:
"Kum, Ruzshka, gelibte, kum!
Ikh hob di alte *rusalke*[9] geget
Un du bist gut un frum.

זי ציטערט. אין דרויסן רוישט דער טייך:
„קום, רוזשקאַ, געליבטע, קום!
איך האָב די אַלטע רוסאַלקע געגעט
און דו ביסט גוט און פרום.

---

1. *shlank* – slender
2. *veytik* – woeful, painful
3. *shiltn* — to curse
4. *far'umern* – to sadden
5. *poretz* – lord
6. *rut* – rod
7. *fargisn* — to spill, shed; *fargosn* – dripping, wet
8. *dul* – crazy, mad
9. *rusalka* – mermaid or water sprite from Slavic mythology

Kum, zay mayn *rusalke,* Ruzshka kroyn,
Kum ver dos vaservayb,
Kh'hob vaserroyzn far dayne hor
Un perl far dayn layb[1].

Vest hobn bay mir fun *kol ha*gut's,
Vos besers ken nisht zayn,
Bay tog — dos gingold[2] fun der zun
Un bay nakht — dem *levoneh*-shayn."

Rus hert un fibert. Yo, zi iz greyt.
Oyb di shviger nemt zi nisht mit,
Vert zi di *rusalke* funem taykh.
Un zi shmeykhlt troyerik un mid...

קום, זיי מיין רוסאַלקע, רוזשקע קרוין,
קום ווער דאַס וואַסערווייב,
כ'האַב וואַסעררויזן פאַר דיינע האָר
און פּערל פאַר דיין לייב.

וועסט האָבן ביי מיר פון כּל הגוטס,
וואָס בעסערס קען נישט זיין,
ביי טאָג — דאָס גינגאָלד פון דער זון
און ביי נאַכט — דעם לבנה-שיין.״

רות הערט און פיבערט. יאָ, זי איז גרייט.
אויב די שוויגער נעמט זי נישט מיט,
ווערט זי די רוסאַלקע פונעם טייך.
און זי שמייכלט טרויעריק און מיד...



Still from Göteborg Opera 2012 production
of Dvořák's *Rusalka.*

1. *layb* – flesh
2. *gingold* – fine gold

## VI.

## Nomi Farlozt dem Dorf

## נעמי פאַרלאָזט דעם דאָרף

Di hener krayen fri in dorf,
Se tzitert der bagin
In yeder shoyb fun dorf vos shloft
Vi a groyse bloye shpin.

די הענער קרייען פרי אין דאָרף,
סע ציטערט דער באַגין
אין יעדער שויב פון דאָרף וואָס שלאָפט
ווי אַ גרויסע בלאָע שפּין.

Nomi is vakh, di gantze nakht
Keyn oyg nisht tzugemakht.
Vifl s'iz ir tzu lebn bashert —
Vet zi gedenken di nakht.

נעמי איז וואַך, די גאַנצע נאַכט
קיין אויג נישט צוגעמאַכט.
וויפל ס'איז איר צו לעבן באַשערטט —
וועט זי געדענקן די נאַכט.

Di dozike shpete zumernakht
Mit shtern, trern un *tzar,*
Mit *kvorim* vos rufn, "Mame, blayb"
Un mit der shtim funem Har[1]

די דאָזיקע שפּעטע זומערנאַכט
מיט שטערן, טרערן און צער,
מיט קברים וואָס רופן „מאַמע, בלייב“
און מיט דער שטים פונעם האַר

Vos zogt: "Shtey uf, mayn kind, far tog,
gey in dayn land tzurik,
Got troyert iber *kvorim* nisht,
Got freyt zikh mit der vig."

וואָס זאָגט: „שטיי אויף, מיין קינד, פאַר טאָג,
גיי אין דיין לאַנד צוריק,
גאָט טרויערט איבער קברים נישט,
גאָט פרייט זיך מיט דער וויג.“

Zi nemt ir pekl. "Orpeh! Rus!"
— Shviger, mir zenen greyt!
Orpeh farroytlt, di hor tzelozt,
Rus in a sitzn[2] kleyd.

זי נעמט איר פּעקל. „ערפּה! רות!“
— שוויגער, מיר זענען גרייט!
ערפּה פאַררויטלט, די האָר צעלאָז,
רות אין אַ סיצן קלייד.

Zey geyen. Ot iz di *kretshme* fun dorf,
Di *kuzniye*[3] fun Yanek dem shmid,
Dos kloysterl mitn grinem dakh
Vu a blinder betler knit.

זיי גייען. אָט איז די קרעטשמע פון דאָרף,
די קוזניע פון יאַנעק דעם שמיד,
דאָס קלויסערל מיטן גרינעם דאַך
ווּ אַ בלינדער בעטלער קניט.

---

1. *har* – Lord (German: Herr)
2. *sitz* – simple fabric
3. *kuzniye* – smithy

Ot iz di brik[1] un der tzvinter[2] fun dorf
Un ot iz der breyter *shliyakh*[3],
Un dort vu der himl rirt on[4] di erd
Iz dos land fun der Tanakh.

אָט איז די בריק און דער צווינטער פון דאָרף
און אָ איזדער ברייטער שליאַך,
און דאָרט ווו דער הימל רירט אָן די ערד
איז דאָס לאַנד פון דעם תנ"ך.

Dos land vu di *oves* hobn gelebt,
Dos land vu der mandlboym blit,
Vu der vint un der odler[5] zenen frum
Un s'tzitert dos heylike lid

דאָס לאַנד ווו די אבות האָבן געלעבט,
דאָס לאַנד ווו דער מאַנדלבוים בליט,
ווו דער ווינט און דער אָדלער זענען פרום
און ס'ציטערט דאָס הייליקע ליד

Iber barg un tol, iber vald un feld,
Iber vaser, groz un boym,
Vu Got iz oyf an *emesn* do
Un nisht bloyz in dayn troym.

איבער באַרג און טאָל, איבער וואַלד און פעלד,
איבער וואַסער, גראָז און בוים,
ווו גאָט איז אויף אַן אמתן דאָ
און ניש בלויז אין דיין טרוים.

Nomi shmeykhlt. Der Eybershter lebt
Un zi iz zayns a kind —
Rus nebn ir iz troyerik un bleykh,
Mit Orpehs hor shpilt der vint.

נעמי שמייכלט. דער אייבערשטער לעבט
און זי איז זיינס אַ קינד —
רות נעבן איר איז טרויעריק און בלייך,
מי ערפהס האָר שפילט דער ווינט.

## VII.

## Afn Sheydveg

## אויפן שיידוועג

Afn sheydveg[6] zingt der zumervint:
— Di vegn zenen alt,
Eyn veg tzum dorf, eyn veg tzu Got,
Der driter veg tzum vald.

אויפן שיידוועג זינגט דער זומערווינט:
— די וועגן זענען אַלט,
איין וועג צום דאָרף, איין וועג צו גאָט,
דער דריטער וועג צום וואַלד.

Der veg vos firt tzum vildn vald,
Dos iz der veg fun toyt.
Der veg vos firt zum shtiln dorf,
Dos iz der veg fun broyt.

דער וועג וואָס פירט צום ווילדן וואַלד,
דאָס איז דער וועג פון טויט.
דער וועג וואָס פירט צום שטילן דאָרף,
דאָס איז דער וועג פון ברויט.

---

1. *brik* – bridge
2. *tzvinter* – gentile cemetery
3. *shliyakh* – way, road
4. *onrirn* – to touch
5. *odler* – nobleman (or eagle?)
6. *sheydn* – to part; *sheydveg* – parting of the way

Der driter veg vos firt tzu Got,
Dos iz der veg fun freyd,
Vayl Got iz freyd un iber-freyd,
Got iz eybikayt.

דער דריטער וועג וואָס פירט צו גאָט,
דאָס איז דער וועג פון פרייד,
ווייל גאָט איז פרייד און איבער–פרייד,
גאָט איז אייביקייט.

Nomi horkht. Ir hartz farshteyt
Vos s'zingt der zumervint,
Zi hot zayn plapl[1] shoyn gehert
In vigl nokh, a kind.

נעמי האָרכט. איר האַרץ פאַרשטייט
וואָס ס'זינגט דער זומערווינט,
זי האָט זיין פּלאַפּל שוין געהערט
אין וויגל נאָך, אַ קינד.

Zi otemt tif. Se shekt in feld
Mit frish-geshnitn hey,
Far vos-zshe tut dos sheydn ir
Azsh[2] biz tzu trern vey?

זי אָטעמט טיף. סע שמעקט אין פעלד
מיט פריש–געשניטן היי,
פאַר וואָס זשע טוט דאָס שיידן איר
אַזש ביז צו טרערן וויי?

Un Nomi zogt: “Her, tekhter, hert,
Vos s'hot tzu zayn zol zayn,
Mir praven[3] di letzte *sudeh* do
Mit karnbroyt[4] un vayn.

און נעמי זאָגט: „הערט, טעכטער, הערט,
וואָס ס'האָט צו זיין זאָל זיין,
מיר פּראַווען די לעצטע סעודה דאָ
מיט קאַרנברויט און וויין.“

Zey zetzn zikh baym rand[5] fun veg
Un praven di *sudeh* shtil,
Fun der vaytns vinkt tzu zey
Di alte farlozte mil.

זיי זעצן זיך ביים ראַנד פון וועג
און פּראַווען די סעודה שטיל,
פון דער ווייטנס ווינקט צו זיי
די אַלטע פאַרלאָזטע מיל.

Di alte gute farlozte mil
Shtrekt oys di hent tzu zey:
— Ikh hob aykh yorn getray gedint,
Far vos tut ir mir vey?

די אַלטע גוטע פאַרלאָזטע מיל
שטרעקט אויס די הענט צו זיי:
— איך האָב אייך יאָרן געטריי געדינט,
פאַר וואָס טוט איר מיר וויי?

1. *plapl* – chatter
2. *azsh* – as much as; all tthe way to
3. *praven* – observe, carry on
4. *karn* – rye
5. *rand* – edge

Di lipebeymer[1] paze[2] veg,
Zey zenen mid un alt.
Zey royshn haynt vi ale mol
Di benkshaft tzu dem vald.

די ליפּעביימער פּאַזע וועג,
זיי זענען מיד און אַלט.
זיי רוישן היינט ווי אלע מאָל
די בענקשאַפט צו דעם וואַלד.

Di froyen zitzn paze veg
Un praven di *sudeh* shtum
Un iber di dray *almoneh-kep*
Platern shvalbn frum.

די פרויען זיצן פּאַזע וועג
און פּראַווען די סעודה שטום
און איבער די דריי אלמנה–קעפּ
פּלאַטערן שוואַלבן פרום.

## VIII.

## Orpeh Gezegnt[3] Zikh

## ערפה געזעגנט זיך

Orpeh iz modne[4] bleykh[5] un sheyn
*B'shas* zi redt di reyd:
“Shviger, ikh hob aykh biz aher
Gegebn dos bagleyt[6].

ערפה איז מאָדנע בלייך און שיין
בשעת זי רעדט די רייד:
„שוויגער, איך האָב אייך ביז אַהער
געגעבן דאָס באַגלייט.

Dort hinter di volkns[7] ligt mayn heym
Un *khotsh*[8] azoy iz zi sheyn
Un *khotsh* azoy iz zi eygn un noent
Un ahin tzu vil ikh geyn.

דאָרט הינטער די וואָלקנס ליגט מיין היים
און כאָטש אזוי איז זי שיין,
און כאָטש אזוי איז זי אייגן און נאָענט
און אַהין צו ווילאיך גיין.

Dort bentsht Pan Yezus mayn tatns feld
Un der mames geboygenem[9] kop,
Dort trogt mayn kindheyt a royte shleyf[10]
In ir blondn farshaytn[11] tzop.

דאָרט בענטשט פּאַן יעזוס מיין טאַטנס פעלד
און דער מאַמעס געבויגענעם קאָפּ,
דאָרט טראָגט מיין קינדהייט אַ רויטע שלייף
אין איר בלאָנדן פאַרשייטן צאָפּ.

---

1. *lipebeymer* – linden trees
2. *paze* – along
3. *gezegn zikh* – to take one's leave
4. *modne* – strangely
5. *bleykh* – pale
6. *bagleyt* – company, companionship
7. *volkns* – clouds
8. *khotsh* – although; at least; indeed
9. *geboygn* – bowed
10. *shleyf* – bow (ribbon)
11. *farshaytn* – wild, frivolous

Dort roysht dos vaser un murmlt der vald
Un der odler[1] iz blutik[2] un sharf,
Dort shpilt di libe un s'shpilt der toyt
Af eyn un der zelber harf.

דאָרט רוישט דאָס וואַסער און מורמלט דער וואַלד
און דער אָדלער איז בלוטיק און שאַרף,
דאָרט שפילט די ליבע און ס'שפילט דער טויט
אויף איין און דער זעלבער האַרף.

Dort hitn[3] di verbes[4] di breges[5] fun taykh
Un di shtarke dembes[6] dem veg,
Dort zenen di nekht vi *kales* farbenkt,
Un vi mutike[7] mener — di teg.

דאָרט היטן די ווערבעס די ברעגעס פון טייך
און די שטאַרקע דעמבעס דעם וועג,
דאָרט זענען די נעכט ווי כלות פאַרבענקט,
און ווי מוטיקע מענער — די טעג.

Dort, shviger, iz mayn dorf un mayn heym,
Dort hinter di volkns, dos land.
Zayt *moykhel* — ayer geyn aheym
Hot di eygene heym mir dermant."

דאָרט, שוויגער, איז מיין דאָרף און מיין היים,
דאָרט הינטער די וואָלקנס, דאָס לאַנד.
זייט מוחל — אייער גיין אַהיים
האָט די אייגענע היים מיכה דערמאַנט.״

Orpeh shvaygt, zi otemt tif.
Un Nomi heybt[8] uf di hent:
Az voyl iz tzu dem[9] vos geyt aheym
Nokh yorn zayn in der fremd.

ערפה שווייגט, זי אָטעמט טיף.
און נעמי הייבט אויף די הענט:
אַז וויל איז צו דעם וואָס גייט אַהיים
נאָך יאָרן זיין אין דער פרעמד.

"רות", אָנגעשריבן אין צפון–אַפריקע אין יאָר 1940, איז געוואָרן צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1942 אין באַנד "וואָלקנס איבערן דאַך", אין לאָנדאָן.

"Ruth", written in North Africa in 1940, was first published in 1942 in the volume *Volkns ibern Dakh*, in London.

Listen to Manger reading *Nomi Zogt Got fun Avrum* here: https://youtu.be/srabcAe5Svg.

---

1. *odler* – nobleman
2. *blutik* – bloody
3. *hitn* – guard
4. *verbes* – willows
5. *breg* – edges, banks
6. *dembes* – oaks
7. *mutik* – courageous
8. *oyfheybn* - to lift
9. *voyl is tzu dem* - happy are they